# דעם רבי'נס ליכט

ויקהל - פרה תשפ"ה
גליון 230



אַײַעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײַנער קוואל

טַייעֶרע קִינְדֶער, דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז שׁוֹין אַרַיין אִין אוּנְז, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין נָאכְן מְגִלָּה לֵיינֶען. מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ לִיכְטִיקֵייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, וָואס שְׁטֵייט אַיין בַּיי מָרְדְּכַי אִינֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים. אוּנְז הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, דִי הֵיילִיגֶע סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב, גֶעגֶעבְּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע, אוּן וִויפִיל זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען טֶענְצֶעלֶעך - פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, טַאנְצְן מִיט דִי פִּיס, אַז אַלֶע דִינִים זֶענֶען בעז"ה גֶעוָוארְן זִיס!

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין בַּיים שַׁבָּת פָּרָה. מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז דֶער פָּרָה אֲדוּמָה קוּמְט פַארֶעכְטְן דִי זִינְד פוּן דֶעם עֵגֶל וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט, אוּן מִיר לַיידְן נָאכְאַלְץ פוּן דֶעם חֵטְא בִּיז הַיינְט. אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פוּן דֶעם חֵטְא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה (תורה ע"ד ח"ב), אַז דַוְקָא נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי פַּרְשֶׁה פוּן פָּרָה, פוּן 'פּוּר' וֶוערְט פָּרָה', וַוייל דוּרְךְ פּוּרִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ טָהֳרָה. אוּן אוֹיךְ, פּוּרִים אִיז שׁוֹין אוֹיפְן וֶועג צוּ פֶּסַח, אַז מֶען זָאל קֶענֶען זַיין נִזְהָר פוּן חָמֵץ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינְקֵייט, מֶען זָאל קֶענֶען עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח נָאךְ דָאס יָאר אִין יְרוּשָׁלַיִם. (ע"פ לקוטי תפלות)

טַייעֶרע קִינְדֶער, לָאמִיר צוּזַאמֶען טְרַאכְטְן: 'וִויאַזוֹי קֶען זַיין אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן מַמָּשׁ יֶעצְט גֶעהֶערְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין דִי וֶוערְטֶער, 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ', מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת וּבְרָקִים, אַלֶע הִימְלֶען הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זִיךְ מְגַלֶּה גֶעוֶועֶן פַאר אִידְן אוֹיף אַן אוֹפָן וָואס אִיז קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעוֶועֶן אוּן יֶעצְט לוֹיפְן זֵיי אוּן בְּרֶענְגֶען גָאלְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן אַ קֶעלְבֶּעלֶע?!!

קֶען נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ גֶעשֶׁען אַזַא זַאךְ?! אַז מֶען זָאל זִיךְ פַּארְקוֹיפְן פַאר אַן עֵגֶל אוּן פַארְגֶעסְן חַס וְשָׁלוֹם אַז סְ'אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס אִיז אוּנְז מְגַלֶּה דִי אַלֶע שֵׁיינֶע אוּן זִיסֶע תּוֹרוֹת?!

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אִין תּוֹרָה ס"ב. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז פַּאקְטִישׁ זֶעט מֶען אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ סִיסְטֶעם. דֶער פְלֵיישִׁיגֶער אוֹיג זֶעט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ דִי מַזָּלוֹת, דוּרְךְ בִּיזְנֶעס, דוּרְךְ דָאקְטוֹירִים, עֵצָה גֶעבֶּערְס, גֶעשֶׁעפְטְן, א.א וו. עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג. פַארְהַאן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן, 'אוֹיב דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, אִיז לָאמִיר זֵיי דִינֶען, לָאמִיר נָאכְלוֹיפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז חַס וְשָׁלוֹם כְּאִילוּ, אַ פַארְמִיטְלֶער צְוִוישְׁן מִיר מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמֵיינְט בַּיים עֵגֶל וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, "אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ" (שְׁמוֹת ל"ב), דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוָואלְט אַן אֶמְצָעִי - אַ פַארְמִיטְלֶער.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז הַיינְט פַאלְן פִיל מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ מִיט דֶעם טָעוּת אוּן מַאכְן אַ פַארְמִיטְלֶער פוּן דִי 'סִבּוֹת' וָואס בְּרֶענְגֶען

פרנס השבוע נתנדב ע"י ידידינו
הר"ר יואל פוקס הי"ו
מנהל ת"ת ברסלב בית שמש
לרגל אירוסי הבת למזל טוב

דעם מֶענטְש געלט אָדער רְפוּאוֹת, עֵצוֹת א.א.וו. דָאס מֵיינט אַז זֵיי גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אָבֶּער זֵיי גְלֵייבְּן אוֹיךְ אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ סִבָּה צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן זֵיי זָאגְן אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ מַאכְן בִּיזְנֶעס אָן דֶעם קֶען חַס וְשָׁלוֹם דֶער בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין גֶעלְט פַּארְן מֶענְטְשׁ.

אַזוֹי אוֹיךְ לִיגְן זֵיי שְׁטֶענְדִיג אִין רְפוּאוֹת אוּן לוֹיפְן נָאךְ דָאקְטוֹירִים, כְּאִילוּ חַס וְשָׁלוֹם אַז אָן מֶעדִיצִינֶען קֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם קְרַאנְקְן. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "נֵיין, ס'אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז סִבַּת כָּל הַסִּבּוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין שׁוּם סִבָּה, פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אוֹיבְן דֶערְמַאנְט. וָואס דַארְף מֶען יָא? מֶען דַארְף אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אוּן נִישְׁט מַאכְן אַן עִיקָר פוּן דִי סִבּוֹת."

מִיר וֵוייסְן אַלֶע אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִּירְט אַזוֹי אַז מֶען מַאכְט הִשְׁתַּדְּלוּת צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן אַ הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר רְפוּאָה, אָבֶּער דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט מַאכְן קֵיין עִיקָר דֶערְפוּן, נָאר אוּנְזֶער מֹחַ זָאל מַאכְן אַ עִיקָר פוּן אֱמוּנָה, רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן קֶענֶען בְּרֶענְגֶען בְּרֵייט פַּרְנָסָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן לוֹיפְן צוּ דָאקְטוֹירִים. אוּן דֶער עִיקָר, טַאקֶע מַאכְן דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת פַאר מֶען דַארְף נָאךְ אָנְקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע עֵצָה, שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע מַזָּלוֹת, שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע אוּן פוּן דִי אַלֶע קָאלִירְן וָואס דִי וֶועלְט מָאלְט אוֹיס וִויאַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אוּן וִויאַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אוּן גֶעזוּנְט א.א.וו.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט. בֶּאֱמֶת, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט קְלָאר גֶעוואוּסְט אַז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר בַּיים דַאוֶונֶען אוּן הֶערְט דַיין תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעדַאוְונְט מִיט אַ בְּרֶען אוּן מְדַקְדֵק גֶעוֶוען אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער. נָאר וִויבַּאלְד מֶען וֵוייסְט נִישְׁט מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ פוּן דֶער זַאךְ, דַאוְונְט מֶען נִישְׁט מִיט קֵיין בְּרֶען אוּן מֶען פְּלִיעֶט אַרִיבֶּער דָאס דַאוֶונֶען. דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן, 'אַפִּיקוֹרְסוּת', דָאס אִיז דִי קֻשְׁיוֹת מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְהַארְטֶעוֶועט אוּנְזֶער הַארְץ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן לוֹיפְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאוֶונֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן שִׂמְחָה אוּן אַרָאפְוַוארְפְן פוּן אוּנְז אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת אוּן וִויסְן אַז מֶען דַארְף דִינֶען נָאר דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן גָאט, דֶער גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינְקֵייט זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

# איין מעשה'לע

דער באשעפער באוויזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער



אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיף וֶועג צוּ פָארְן צוּ אוּנְזֶער זֵיידֶע/בַּאבֶּע פוּן אוֹיסְלַאנְד [פַאר סֻכּוֹת תשפ"ה]. הֶערְשִׁי הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט הָאבְּן אַן עֶפְּל. הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מַיין טַאטֶע אַז עֶר ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַן עֶפֶּעלֶע אוּן מַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, כָאטְשׁ נִישְׁט זֶעעֶנְדִיג קֵיין שׁוּם וֶועג וִויאַזוֹי עֶס צוּ בַּאקוּמֶען אָבֶּער מֶען הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער

בַּאשֶׁעפֶּער קֶען שִׁיקְן.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּ אַ וַוייטֶע שְׁפַּאצִיר אוּן אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק הָאט אֵיינֶער גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְגֵיין הֲכָנוֹת, אוּן מֶען הָאט גֶעזוּכְט אַ גַאז-סְטַאנְצִיֶע אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, וֶוען מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען כִּמְעַט אוֹיפְן הוֹיפְּט וֶועג הָאט מַיין טַאטֶע גֶעמֵיינְט אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע גַאז-סְטַאנְצִיֶע אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט, וֶוען אִין אֱמֶת'ן אַרַיין הָאט מֶען גֶעזֶען אַז מַמָּשׁ אַ מִינוּט צְוֵויי אַוֶועק אִיז דָא אַ גַאז-סְטַאנְצִיֶע, אוּן מִיר הָאבְּן פְּלוּצְלוּנְג בַּאמֶערְקְט אַז דֶערְנֶעבְּן אִיז אוֹיךְ דָא אַ גֶעשֶׁעפְט זֶענֶען מִיר אַרַיין דָארְט, [עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ פַארְן צוּשְׁפַּארְן], אוּן יָא! מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי פַארְקוֹיפְן עֶפְּל. מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט עֶטְלִיכֶע עֶפְּלֶעךְ אוּן גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, מִיט אַ דַאנְק צוּם בַּאשֶׁעפֶער!



* * *

מַיין בְּרוּדֶער הֶערְשִׁי אוּן מֵיילֶעךְ הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַ גוּטֶע בַּייזִיק אָבֶּער עֶס הָאט גֶעקָאסְט זֵייעֶר טַייעֶר אוּן מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז צוּ אַ טַייעֶרֶע זַאךְ, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאלְן זֵיי בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן הֶערְשִׁי הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אִינְמִיטְן דִי זוּמֶער.

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין אוֹיסְלַאנְד אוֹיף סֻכּוֹת הָאט מֵיילֶעךְ גֶעפְרֶעגְט אוּנְזֶער זֵיידֶע אוֹיבּ עֶר מֶעג הָאבְּן דִי אַלְטֶע בַּייזִיק פוּן פֶעטֶער הֶערְשִׁי (וָואס הָאט שׁוֹין נָאךְ אֵיינְס - אַ נַייעֶ), אוּן מַיין זֵיידֶע הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר פְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר מֶעג שְׁפִּילְן מִיט דֶעם, אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט יָא, לְמַעֲשֶׂה אִיז מֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן אַנְטוֹישְׁט וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים צוּפָארְן אוּן מַיין זֵיידֶע הָאט אִים עֶס נִישְׁט גֶעלָאזְט אַהֵיים טְרָאגְן...

אָבֶּער עֶר הָאט אַנְשְׁטָאט דֶעם אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ בַּייזִיק, אוֹיךְ הֶערְשִׁי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין פְרֶעגְן: "טַאטִי פַארְוָואס גֶעבְּט מִיר עֶס נָאכְנִישְׁט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אַזוֹווווי סַאךְ..?" אָבֶּער מַיין הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז נִישְׁט אֵייבִּיג בַּאקוּמְט מֶען עֶס גְלַייךְ אוּן נִישְׁט אַלֶעמָאל בַּאקוּמְט מֶען עֶס בִּכְלַל, [וִוי גֶעבְּרֶענְגְט דִי מָשָׁל פוּן דִי צוּקֶערְלֶעךְ אִין גִלְיוֹן פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה] וַוייל אַסַאךְ מָאל לֵייגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק דִי תְּפִלּוֹת פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן, א.א.וו.

זֹאת חֲנוּכָּה תשפ"ה הָאט אוּנְזֶער שָׁכֵן - וָואס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּ אַ נַייעֶ דִירָה, אוּנְז גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אַ בַּייזִיק וָואס זֵיי ווִילְן נִישְׁט מִיטְשְׁלֶעפְּן צוּ דִי נַייעֶ הוֹיז, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז מֵיילֶעךְ אוּן הֶערְשִׁי דַארְפְן דָאס - וַוייל אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפִּילְט מִיט דֶעם אִינְדְרוֹיסְן אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט זֵייעֶר ווּאוּנְטְשׁ עֶס צוּ הָאבְּן, וֶועגְן דֶעם ווִיל עֶר עֶס אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר אוּנְז!

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מֵיילֶעךְ אוּן הֶערְשִׁי גֶעוֶוען מֶער צוּפְרִידְן פוּן דֶער בַּייזִיק פוּנֶעם שָׁכֵן וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר בַּאקוּמֶען דִי בַּייזִיק פוּן פֶעטֶער הֶערְשִׁי וָואלְט עֶס נִישְׁט גֶעהַאט דִי גוּטֶע לֶעקְטֶערְס וָואס קוּמְט מִיט דֶעם בַּייזִיק פוּנֶעם שָׁכֵן!!

# וואו איז יאסעלע? #4

*אין קורצן פון פריער:*

*די עלטערן פון יאסעלע ווילן צוריק פארן מיט די קינדער קיין רוסלאנד, דער זיידע באהאלט יאסעלע אין א צווייטע שטאט ביי גוטע אידן וויל ער וויל דאס קינד זאל בלייבן א איד, די פאליציי נעמט זוכן יאסעלע אין אלע לעכער אבער אן ערפאלג ביז זיי באשליסן צו ארעסטירן דעם זיידן ר' נחמן שטראקס און אלע וועלכע זענען געווען פארדעכדיגט אז זיי האבן א האנט אין דער פרשה.*

די פאליציי האבן בארינגלט די קליין בודקעלע און ארויסגעפירט פון שטוב דעם זיידן ר' נחמן וועלכער האט זיך גארנישט קעגנגעשטעלט וויסנדיג אז ער וועט דארפן מאכן די מסירות נפש פאר די ערליכקייט פון זיין אייניקל. מען האט געבונדן ר' נחמן אין קייטן און ארויסגענומען צום פאליציי מאשין, פון אלע זייטן זענען געשטאנען פילע צייטונג'ס שרייבערס מיט זייערע גרויסע פאטאגראפירערס פראבירן אראפצוכאפן א גוטער בילד פונעם גרויסן פארברעכער... ווען ר' נחמן איז געשטאנען נעבן די מאשין אראמגערינגלט מיט וועכטער האט ער זיך פלוצלונג אפגעשטעלט, אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און צו אלעמענ'ס וואונדער אויסגעשריגן הויך: "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד"....

די קאמערעס האבן פאטאגראפירט און די שרייבער'ס האבן דאס מיט איבערראשונג שטיל אפגעשריבן אין זייערע ביכער, מען האט נישט געדארפט זיין קיין גרויסער חכם צון דערקענען אז נישט קיין נידריגער קינדער כאפער ארעסטירט מען דא, נאר עפעס אן אנדערע און אסאך א העכערע זאך צינד אן און שטופט אונטער אט דעם אלטיטשקן אידעלע אין זיין קאמף אויף די אידישקייט פון זיין




לעדערמאן שול

אייניקל.

באלד דערנאך האט מען אריינגענומען ר' נחמן אין פאליציי מאשין, די בלוי רויטע לעמפלעך האבן געווינקען ווען זיי זענען אוועקגעפארן צו די נאנטע פאליציי סטאנציע אין מגרש הרוסים, די פאליציי האט גענומען אויספארשן דעם זיידן צו דערגיין וואו יאסעלע געפינט זיך, אבער דער זיידע האט פארמאכט דאס מויל און נישט ארויסגעלאזט קיין איין ווארט, וויפל זיי האבן פראבירט ארבעטן מיט אלע מיטלען ארויסצושלעפן פון אים עפעס א ווארט איז נישט געגאנגען, לאנגע יארן אין די רוסישע טורמע וואו ער איז אריבער שווערע יסורים פון די רוסישע פארשערס וועלכע האבן פרובירט ארויסצונעמען פון אים איינצעלייטן אויף אנדערע אידן האט אים געמאכט פעלזן שטארק, פון מאל פלעגט ער לאכן צום פארשער וועלכע האט אויספראבירט נאך א טאקטיק ארויסצונעמען פון אים סודות און געזאגט: "אייך האבן זיך נאך אסאך וואס צו לערנען פון די רוסן... אזוי ווי מען זאגט לײדער קענען זיי בעסער פון אייך די ארבעט..."

דער פרומער עולם אין ירושלים האט אנגענומען זייער שווער דעם ארעסטירן ר' נחמן, דער בית דין פון די עדה החרדית אין ירושלים האט ארויסגעגעבן א צעטל אז אזוי ווי דער זיידע ר' נחמן איז זייער אלט און קראנק איז פאר אים דאס זיצן אין טורמע

ווי א גזר דין מוות ח"ו דעריבער בעטן זיי דעם עולם אויסצוזאגן תהילים און בעטן דער באשעפער זאל אים אויסלייזן ווי אמשנעלסטן.

דורכאויס די גאנצע צייט וואס די וועלט ברענט און קאכט און יעדער איינער זאגט זיין דעה וועגן יאסעלע, איז יאסעלע אליין אריבער אן אייגענער גלות, אין אנהייב איז ער געווען ביי א משפחה אין ראשון לציון אבער נאך צייט האבן די עסקנים מורא געהאט אז די פאליציי וועלן געפינען זיין באהעלטעניש האט מען אים אריבערגעפירט קיין בני ברק ביי א ווארעמע משפחה וואס האבן אויך נישט געוואוסט ווער דאס קינד וואס שטייט איין ביי זיי איז, אסאך גדולי ישראל פון יענע צייט זענען געווען בסוד הענינים, אזוי ווי דער סטייפעלער זצ"ל און הרה"ג ר' יעקב לאנדא זצ"ל אזוי אויך הרה"ג ר' בנימין מענדלסאן זצ"ל דער רב פון קוממיות און נאך.

יאסעלע אליין האט מיטגעשפילט די שפיל אין יעדע פלאץ וואו ער איז אנגעקומען, ער האט געדענקט וואס דער זיידע האט אים געזאגט אז מען פראבירט אים ראטעווען מען זאל אים נישט אראפפירן פון אידישן וועג, עס זענען געווען אידן וועלכע האבן געזעהן יאסעלע'ן קומען דאווענען אין לעדערמאן שול אין בני ברק צוזאמען מיט די משפחה וואו ער איז איינגעשטאנען אזוי ווי ער וואלט געווען איינער פון זיי, מיט די צייט האט מען געהערט

שמועסן אז די פאליציי שיקט פארשטעלטע אגענטן זיך צו דרייען אין די פרומע געגנטער צו שמעקן וואו יאסעלע איז האט מען געטראכט א פלאן אים אריבער צו פירן אין די שטילע דערפעלע קוממיות וואס איז ווייט פון געגנט און דאך פרום און ערליך, מיט האפענונג אז דארט וועט יאסעלע קענען האבן אביסל מנוחה אויף א לענגערע צייט.

אומר ועושה יאסעלע איז אריבערגעפירט געווארן קיין קוממיות און אויך דארט ווייטער געבליט אין רוחניות און גשמיות די פאמיליע וועלכע האבן אים אויפגעהאלטן האבן אים געדאגה'עט אלע זיינע געברויכן, מיט דעם האבן די אידן וואס האבן ארומגעארבעט די פלאן געוואוסט אז דאס איז נאך א צייטווייליגע הילף ווייל יעדן טאג קען זיך איינער דערוויסן און דערציילן עפעס א ווארט און די פאליציי וועלן שוין קומען כאפן יאסעלע, דעריבער האבן זיי פארשטאנען אז מען דארף טרעפן א וועג ארויסצופירן יאסעלע אינדרויסן פון לאנד, וואס ווייטער אלץ בעסער... אבער ווי קען מען דאס באווייזן? אויב וועט מען נאר ברענגען יאסעלע צום גרעניץ איז דאס ממש אזוי ווי זיך אליין אריינווארפן אין זייערע הענט, מען מוז טרעפן דא עפעס א קליגערע פלאן ווי אזוי אים אריבערצושמוגלען פון לאנד, צודערצו נאכן פלאנירן א שיינע פלאן דארף מען טרעפן איינער וואס איז גרייט זיך איינשטעלן און טון אזא זאך, ווער וועט וועלן?

המשך קומענדיגע וואך

בעז"ה




**בעזרת השם יתברך יום שלישי, ב' דחול המועד פסח הבעל"ט**

אין שטאט בית שמש

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | א | ק | מ | פ | צ | ע | ט | ע | א | ו | ו | א | ס | צ | פ | ע | ב | כ |
| ט | ו | ע | מ | ג | צ | כ | ז | ה | י | י | ל | י | ג | ע | ר | ד | ו | ז |
| ק | נ | ב | א | ה | ל | פ | ת | ר | ז | ט | ד | ה | מ | י | נ | א | ו | א |
| ח | ק | ר | צ | א | ז | א | ע | ח | ל | נ | י | ש | צ | א | ס | ר | ע | ו |
| נ | ת | ע | ע | ט | י | ק | ל | א | ר | ע | י | ד | נ | ר | ה | פ | ל | י |
| ע | פ | ז | ג | ל | ר | ו | מ | נ | ט | ר | נ | ב | י | ו | א | ת | ט | פ |
| נ | ו | ט | ב | ע | ע | נ | ז | ו | ז | ב | מ | ד | מ | י | ט | ה | ד | פ |
| ע | נ | ל | ט | ר | ו | ג | א | א | ו | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר | י |
| ו | ג | ש | ד | א | ע | כ | ס | ו | י | ג | ד | ב | ר | ע | נ | ג | ט | ר |
| ו | ע | ש | ט | י | י | ט | ע | י | נ | ו | ע | פ | פ | ד | א | ל | ע | נ |
| א | ו | פ | ו | נ | ו | ל | ר | י | ו | ז | ו | ו | ו | א | ל | ט | ט | י |
| ד | ו | פ | ו | ע | י | ע | ז | ע | כ | א | ט | א | ו | ר | ש | ל | מ | פ |
| נ | ע | ב | נ | ס | ד | נ | כ | ב | ו | ד | ו | נ | ע | א | א | כ | ק | ת |
| נ | נ | ר | ט | ד | י | ב | ר | י | כ | ו | ש | כ | ו | ו | ו | ד | ה | ו |
| ר | א | ה | ח | א | ר | ו | א | י | ז | ט | י | צ | ו | ז | ק | ס | נ | ל |
| י | ע | ק | ר | א | ט | ש | א | מ | נ | ז | ה | ע | ט | ד | ע | ר | ט | ז |
| ל | פ | ו | נ | ו | י | ס | ס | ע | ת | ק | ל | ר | מ | א | ח | ג | מ | מ |
| א | ז | ד | ר | נ | נ | ע | מ | י | ש | א | ע | י | צ | ס | י | ל | פ | ק |
| ק | כ | ת | פ | ל | ה | ל | מ | ד | ג | ה | ט | נ | ו | ו | א | ד | ע | ג |

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן אזוי אויך טרעף די ווע־רטער אינעם היינטיגן גליון אין איינע פון די מעשיות

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע עֵצָה שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע מַזָּלוֹת, שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע אוּן פוּן דִי אַלֶע קָאלִירְן וָואס דִי וֶועלְט מָאלְט אוֹיס וְויאַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אוּן וְויאַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אוּן גֶעזוּנְט.
בֶּאֱמֶת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט קְלָאר גֶעווּאוּסְט אַז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר בַּיים דַאוֶונֶען אוּן הֶערְט דַיין תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעדַאוֶונְט מִיט אַ בְּרֶען אוּן מְדַקְדֵק גֶעוֶוען אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער. (לויט תורה ס"ב)

# ה - המשך דֶער 'צַדִיק' וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרוֹיפְגֶעפַאלְן 'עַצְבוּת'

[אוֹת ה] אוּן דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין [דַארְף מֶען וִויסְן]: אַז סְ'אִיז בַּאוואוּסְט: אַז דֶער דָאזִיגֶער 'גַשְׁמִיוּתְ'דִיגֶער וֶועלְט', אִיז נָאר אַ 'מִיטְל פּוּנְקְט' אִינְמִיטְן דִי 'גַלְגַלִים', וִוי סְ'אִיז עֶרְקְלֶערְט דוּרְךְ דִי 'בַּעֲלֵי־תְּכוּנָה'! ['חָכְמַת אָסְטְרָאנָאמְיֶע', דִי גַאנְג פוּן דִי זוּן, לְבָנָה, אוּן שְׁטֶערְנְס – זֶעה: 'רַמְבַּ"ם' הִלְכוֹת קִדּוּשׁ־הַחֹדֶשׁ; סֵפֶר־הַבְּרִית; סֵפֶר־הַתְּכוּנָה פוּן רַבִּי חַיִּים וִויטַאל]! – אוּן כָּל־שֶׁכֵּן קֶעגְן דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים', וֶוערְט דִי 'גַאנְצֶע וֶועלְט' זִיכֶער נִישְׁט בַּאטְרַאכְט, מֶער וִוי אַ 'פִּינְטֶעלֶע'!

אוּן סְ'אִיז בַּאוואוּסְט: אַז אַלֶע 'שְׁטְרִיכְן' וָואס דוּ וֶועסְט צִיעֶן פוּנֶעם 'מִיטְל פּוּנְקְט' – זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט בַּיים 'פּוּנְקְט', אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן! אוּן וִוי מֶער זֵיי דֶערְוַוייטֶערֶן זִיךְ פוּנֶעם 'פּוּנְקְט', וֶוערְן זֵיי מֶער דֶערְוַוייטֶערְט אֵיינְס פוּנֶעם אַנְדֶערְן!

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי 'שְׁטְרִיכְן' דֶערְוַוייטֶערֶן זִיךְ גָאר אַסַאךְ פוּנֶעם 'פּוּנְקְט', דֶערְוַוייטֶערֶן זִיךְ דַאן אוֹיךְ דִי 'שְׁטְרִיכְן' אֵיינְס פוּנֶעם אַנְדֶערְן, גָאר שְׁטַארְק! כָאטְשׁ וָואס אוּנְטְן בַּיים 'פּוּנְקְט' זֶענֶען זֵיי נָאנְט אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן! – אַזוֹי־וִוי עֶס צֵייגְט דָאס דָאזִיגְן בִּילְד:



קוּמְט אוֹיס: אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען: וִוי עֶס וֶוערְן גֶעצוֹיגְן 'שְׁטְרִיכְן' פוּן דֶעם 'אוּנְטֶערְשְׁטְן־וֶועלְט', אֲפִילוּ נָאר בִּיז דִי 'גַלְגַלִים' – קוּמְט דַאן אוֹיס: אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן זַיין פְּלַאץ, נָאר [אַזוֹי וֵוינִיג] וִוי אַ 'פָאדֶעם' – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן: דָארְט אוֹיבְן בַּיי דִי 'גַלְגַלִים', וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם [עֶרְשְׁטְן] פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶועזְן פְרִיעֶר, קֶעגְנְאִיבֶּער זַיין קָאפּ – וֶוערְט עֶר יֶעצְט דֶערְוַוייטֶערְט 'עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער מַייל', לוֹיטְן שַׁאץ פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם 'אוֹיבֶּערְשְׁטְן גַלְגַל' קֶעגְנְאִיבֶּער דֶעם 'אוּנְטֶערְשְׁטְן וֶועלְט', וִוי בַּאוואוּסְט! – וַוייל סְ'אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעזֶעצְט [אִינֶעם גַלְגַל], 'שְׁטֶערְנְס', גָאר אָן קַיין צָאל, אוּן יֶעדְן 'שְׁטֶערְן' אִיז בְּעֶרֶךְ אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דֶער 'דָאזִיגֶער וֶועלְט', אוּן נָאךְ גְרֶעסֶער! [זֶעה נָאךְ אִין 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', עֵרוּבֵי־תְּחוּמִין ה, כ].

[אוֹת ו] כָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען: וִוי דִי 'שְׁטְרִיכְן' וֶוערְן גֶעצוֹיגְן בִּיז דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים' – וָואס אַלֶע 'גַלְגַלִים', זֶענֶען גָארְנִישְׁט קֶעגְן זֵיי! – קוּמְט אוֹיס: אַז סְ'אִיז נִישְׁט דָא קַיין שַׁאץ צוּ דִי 'וַוייטְקֵייט' [הֶעכֶערְקֵייט] וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט [הֶעכֶער גֶעוָוארְן] דָארְט אִין דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים', דוּרְךְ אַ קְלֵיין פִּיצֶעלֶע 'וַוייטְקֵייט' [הֶעכֶערְקֵייט], אֲפִילוּ בְּלוֹיז 'וֵוינִיגֶער וִוי אַ הָאר' וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט [גֶערוּקְט הֶעכֶער] אוּן אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן פְּלַאץ!

וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ דָא אִין דֶעם 'אוּנְטֶערְשְׁטְן וֶועלְט', הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט אוּן גֶעגַאנְגֶען [הֶעכֶער], נָאר בְּלוֹיז 'וֵוינִיגֶער וִוי אַ הָאר'! – וָואס אִין זַיינֶע אוֹיגְן אִיז עֶר גָארְנִישְׁט וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען [גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט הֶעכֶער]! וַוייל דָאס קֶען דָאךְ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּשַׁאצְן! – מִיט דֶעם אַלֶעמֶען: דָארְטְן אִין דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים', אִיז עֶר דֶערְוַוייטֶערְט

[הֶעכֶער] גֶעוָוארְן 'עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת אוּן מַייל'!

אוּן כָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט 'אֵיין מַייל' אָדֶער 'עֶטְלִיכֶע מַייל' אִין 'עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם'! דֶעמָאלְט אִיז: "עַיִן לֹא רָאֲתָה" וְכוּ' [יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ] [יְשַׁעְיָה סד, ג]! "קַיין שׁוּם אוֹיג, חוּץ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס – קֶען נִישְׁט זֶעהְן דָאס גוּטְס וָואס עֶר וֶועט מַאכְן, פַאר דִי וָואס הָאפְן צוּ אִים"!

(אִין 'חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן' סה, שְׁרֵייבְּט רַבִּי נָתָן זַ"ל: דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם צַדִּיק וָואס אִיז אֵיינְמָאל אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ 'גְרוֹיסְן עַצְבוּת' וְכוּ', וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אִין 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' פּוּנְקְט וְוִי אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹיל – הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן 'אוּנְזֶערֶע־לַייט': "אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם 'דָאזִיגְן מַעֲשֶׂה' פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹיל, אִין אַבִּיסְל אַ 'אַנְדֶערְן נוּסַח'"! – אוּן אוֹיךְ אִינֶעם 'סִיפּוּר־הַמַּעֲשֶׂה' אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל אַ 'עֶנְדֶערוּנְג' וְכוּ'!

אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה – וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי 'בַּעֲלֵי חֶשְׁבּוֹן־הַנֶּפֶשׁ', וָואס יֶעדְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ 'חֶשְׁבּוֹן־הַנֶּפֶשׁ': "צוּ עֶר הָאט דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, רִיכְטִיג גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת, לוֹיט זַיין שְׁטֵייגֶער שְׁטֶענְדִיג"! – אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט טוּהְן אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג! אוּן עֶר הָאט גֶעפוּנֶען: אַז עֶר הָאט נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען יְדֵי־חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵימוּת אִינֶעם דָאזִיגְן טָאג!

לְמָשָׁל: עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין אִין שְׁטוּבּ 'אַהִין אוּן אַהֶער', אַזוֹיפִיל מָאל וְוִיפִיל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיט זַיין 'הוֹיכְן הַשָּׂגָה'! – אוּן אִין יֶענֶעם טָאג אִיז עֶר נִישְׁט אַזוֹיפִיל אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ, וְוִי עֶס פַּאסְט לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה!

אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען! – בִּיז סְ'אִיז אִים שׁוֹין נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּלֶעבְּן! – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין גּוֹי"!

[שְׁרֵייבְּט רַבִּי נָתָן]: אוּן פוּן דֶעם וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין: דִי מַעֲלָה אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם דָאזִיגְן צַדִּיק, וְוִי גְרוֹיס עֶר אִיז גֶעוֶוען – אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הוֹיכֶע עֲבוֹדָה מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען 'אַהִין אוּן אַהֶער' אִין שְׁטוּבּ! – אַז וֶוען עֶר הָאט נָאר אַבִּיסְל פַארְמִינֶערְט פוּן דֶעם דָאזִיגְן עֲבוֹדָה, לוֹיט זַיין דֵיעָה, הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְלֶעבְּן מֶער – וֶוען נִישְׁט וָואס עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"!

זֶעה אוּן פַארְשְׁטֵיי אוּן קוּק: דִי 'עֲבוֹדָה פוּן דִי צַדִּיקִים', אוּן זֵייעֶר 'צַעַר', אוֹיף זֵייעֶר פַארְמִינֶערוּנְג אִין 'עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם' – בִּיז וְוִי וַוייט, בִּיז וְוִי וַוייט, דָאס דֶערְלַאנְגְט! – אַשְׁרֵי לָהֶם! ווָאוֹיל אִיז צוּ זֵיי!).

(רַבִּי נָתָן זַ"ל שְׁרֵייבְּט אִין 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', פֶּסַח ט, טו: דֶער עִיקָר 'נְפִילָה' וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ, אִיז צוּלִיבּ 'גַדְלוּת' [גַאֲוָה] – אַז סְ'פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ טוּעֶן אַזַא 'עֲבוֹדָה' אוּן 'פְּלָאג', בְּשַׁעַת וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהְן! – אָבֶער דֶער וָואס זוֹכְט דֶעם 'אֱמֶת', זָאגְט בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן: אַז צוּלִיבּ 'אֵיין פִּינְטֶעלֶע פוּן 'אֵיין אֵיינְצִיגְן גֶעטְלִיכְן־שַׁיין', אִיז וֶוערְד דָאס גַאנְצֶע פְּלָאג בְּכֶפֶל־כִּפְלַיִם! – אוּן אַזוֹי־וְוִי דֶער צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ דֶערְפְרֵייט דוּרְךְ "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"!).

## ו – צְוֵויי סָארְט פַּאלַאצְן

[אות א] זָאלְסְט וִויסְן: אַז סְ׳אִיז פַארְהַאן ׳צְוֵויי סָארְט פַּאלַאצְן׳! – און ׳בֵּיידֶע פַּאלַאצְן׳ זֶענֶען [מַמָּשׁ] גְלַייךְ, אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן. אִין אֵיינְס וואוֹינְט אַ ׳קֶענִיג׳, און אִין דֶעם אַנְדֶערְן וואוֹינְט אַ ׳קְנֶעכְט׳! – און זִיכֶער בֶּאֱמֶת: אִיז פַארְהַאן אַ גְרוֹיסְן חִילוּק, צְוִוישְׁן דֶעם ׳פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג׳ און דֶעם ׳פַּאלַאץ פוּנֶעם קְנֶעכְט׳! – נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה זַיין צְוִוישְׁן זֵיי!

וַוייל עֶס אִיז פַארְהַאן אַ ׳קֶשֶׁר׳ [קְנִיפּ] וָואס אַסַאךְ נְפָשׁוֹת בִּינְדֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, בִּיז סְ׳וֶוערְט פוּן זֵיי אַ ׳הוֹיז׳ און אַ ׳פַּאלַאץ׳! – וַוייל זֵיי בִּינְדֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אֵיינֶער מִיט נָאךְ אֵיינֶעם, און נָאךְ אֵיינֶער מִיט אַן אַנְדֶערְן – בִּיז סְ׳וֶוערְט פוּן זֵיי אַ ׳יְסוֹד׳ [גְרוּנְדְשְׁטֵיין]! – און נָאכְדֶעם וֶוערְט פוּן זֵיי אַ ׳אוֹהֶל׳ [גֶעצֶעלְט]! – בִּיז סְ׳וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט פוּן זֵיי אַ ׳הוֹיז׳ און אַ ׳וואוֹינוּנְג׳!

און דֶער ׳דָאזִיגֶער וואוֹינוּנְג׳, אִיז אַ ׳וואוֹינוּנְג פַארְן אֱמֶת׳! – און וֶוען מְ׳דַארְף זוּכְן דֶעם ׳אֱמֶת׳, זוּכְט מֶען דָאס אִינֶעם ׳דָאזִיגְן וואוֹינוּנְג׳! – דָאס הֵייסְט: אִינֶעם דָאזִיגְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳קְנִיפּ פוּן דִי צוּזַאמְגֶעבִּינְדֶענֶע נְפָשׁוֹת׳, וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט אָט דֶער ׳דָאזִיגֶער וואוֹינוּנְג פַארְן אֱמֶת׳, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט!

און דֶערִיבֶּער הָאט דִי תּוֹרָה גֶעהֵייסְן (שְׁמוֹת כג, ב): ״אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת״, ״אַז בַּיי אַ ׳מִשְׁפָּט׳ דַארְף מֶען גֵיין נָאךְ רוֹב דַיָּינִים״ – וַוייל וִויבַּאלְד עֶס בִּינְדֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט זִיכֶער דֶעם ׳אֱמֶת׳, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט!

און דָאס אִיז דֶער בְּחִינָה פוּן (בְּרֵאשִׁית מו, כז): ״כָּל הַנֶּפֶשׁ הַבָּאָה לְבֵית יַעֲקֹב״ [כָּל הַנֶּפֶשׁ לְבֵית יַעֲקֹב הַבָּאָה מִצְרַיְמָה שִׁבְעִים], ״אַלֶע נְפָשׁוֹת פוּן יַעֲקֹב׳ס שְׁטוּבּ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם״ [זֶענֶען גֶעוֶוען זִיבֶּעצִיג נְפָשׁוֹת] – דָאס הֵייסְט: אַז פוּן דִי [אֵיינְצִיגֶע] ׳נְפָשׁוֹת׳, אִיז גֶעוָוארְן דֶערְפוּן ׳בֵּית יַעֲקֹב׳! [אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּן יַעֲקֹב] – דָאס הֵייסְט: ׳אַ וואוֹינוּנְג׳ס פְּלַאץ׳, צוּם ׳אֱמֶת׳, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן ׳יַעֲקֹב׳, וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִיכָה ז, כ): ״תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב״.

[אות ב] אָבֶּער זָאלְסְט וִויסְן: אַז אַנְטְקֶעגְן דֶעם [קְנִיפּ פוּן אֱמֶת], אִיז פַארְהַאנֶען אַ ׳קְנִיפּ פוּן רְשָׁעִים׳ – אַז עֶס נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ ׳נְפָשׁוֹת פוּן רְשָׁעִים׳, און סְ׳וֶוערְט פוּן זֵיי אַ ׳שְׁטוּבּ׳ און אַ ׳וואוֹינוּנְג׳ צוּ דֶעם ׳שֶׁקֶר׳.

און אוֹיף דֶעם וָוארְנְט דֶער נָבִיא (יְשַׁעְיָה ח, יב): ״לֹא תֹאמְרוּן קֶשֶׁר לְכֹל אֲשֶׁר יֹאמַר הָעָם הַזֶּה קָשֶׁר״, ״אִיר זָאלְט נִישְׁט זָאגְן אַ סְ׳אִיז אַ בּוּנְד, אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער פָאלְק זָאגְט אַז סְ׳אִיז אַ בּוּנְד״ [רַשִׁ״י: אוֹיף אַ ׳בּוּנְד פוּן רְשָׁעִים׳ זָאגְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה ״אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת״] – וַוייל (סַנְהֶדְרִין כו.): ״אַ בּוּנְד פוּן רְשָׁעִים, וֶוערְט נִישְׁט גֶערֶעכְנְט״.

און אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כג, ב): ״לֹא תִהְיֶה אַחֲרֵי רַבִּים לְרָעֹת״, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נָאכְגֵיין נָאךְ ׳רוֹב דַיָּינִים׳ אוֹיף שְׁלֶעכְטְס [אַז בַּיי שְׁלֶעכְטְס גֵייט מֶען נִישְׁט נָאךְ רוֹב].

[אות ג] און: צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע סָארְט ׳בָּתִּים׳ [שְׁטִיבֶּער פוּן ׳אֱמֶת׳ און ׳שֶׁקֶר], קֶען מֶען זִיךְ טוֹעֶה זַיין – דָאס הֵייסְט: צְוִוישְׁן דֶעם ׳אֱמֶת׳ מִיטְן ׳שֶׁקֶר׳! – וַוייל דֶער ׳שֶׁקֶר׳ פְּרָאבִּירְט זִיךְ צוּ פַארְגְלַייכְן צוּם ׳אֱמֶת׳ [אַז סְ׳זָאל אוֹיסְקוּקְן דִי זֶעלְבֶּע] – וַוייל אוֹיךְ דָארְט אִיז פַארְהַאן אַ ׳בּוּנְד׳ פוּן ׳אַסַאךְ נְפָשׁוֹת׳ צוּזַאמֶען, און דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נַארְן, און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ׳וואוּ דֶער אֱמֶת אִיז׳, און צוּ־וואוּ עֶר זָאל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן!

און זָאלְסְט וִויסְן: אַז דוּרְךְ דִי ׳מִצְוָה פוּן

פִּדְיוֹן־שְׁבוּיִים׳, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַאַרְשְׁטֵיין [דִי חִילוּק] צְווִישְׁן דִי ׳צְוֵויי׳ דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁטִיבֶּער, צְווִישְׁן ׳אֱמֶת׳ אוּן ׳שֶׁקֶר׳, צְווִישְׁן אַ ׳קֶענִיג׳ אוּן אַ ׳קְנֶעכְט׳.

וַוייל ׳שֶׁקֶר׳ אִיז דִי בְּחִינָה פוּן אַ ׳קְנֶעכְט׳, דִי בְּחִינָה פוּן ׳אָרוּר׳ – דִי בְּחִינָה פוּן (בְּרֵאשִׁית ט, כה): ״אָרוּר כְּנָעַן עֶבֶד עֲבָדִים״ וְכוּ׳, ״פַאַרְשָׁאלְטְן זָאל זַיין כְּנַעַן, אַ עֶבֶד צוּ עֲבָדִים״ [זָאל עֶר זַיין].

[עָלִים־לִתְרוּפָה, אוֹר לְיוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת־קֹדֶשׁ וַיִּגַּשׁ תקפ״ו: וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין בְּרוּדֶער, אַבִּיסְל וֵוייסְטוּ וָואס טוּט זִיךְ אִין מַיין הָאַרֶץ, מֶער פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְקְלֶערְן בִּכְתָב.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דֶעם ׳נְקוּדַּת־הָאֱמֶת׳, ״אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה״ (מִשְׁלֵי ב, ד), ״אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס זוּכְן אַזוֹי־ווִי מְ׳זוּכְט זִילְבֶּער, אוּן אַזוֹי־ווִי מְ׳זוּכְט בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצָרוֹת וֶועסְטוּ דָאס זוּכְן״ – זָאלְסְטוּ זוּכְן דֶעם ׳אֱמֶת׳ אִינֶעם ׳פַּאלַאץ פוּנֶעם אֱמֶת׳ (ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט), וָואס דָאס וֶוערְט גֶעבּוֹיעֶט דוּרְךְ ׳אַנְשֵׁי־אֱמֶת׳, דוּרְכְן ׳בַּעַל־אֱמֶת׳.

״אָז תָּבִין יִרְאַת ה׳, וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא״ (שָׁם פָּסוּק ה), ״דֶערְנָסְטְמָאל וֶועסְטוּ פַאַרְשְׁטֵיין ׳יִרְאַת־הַשֵּׁם׳, אוּן דָאס ׳גֶעטְלִיכֶע ווִיסְנְשַׁאפְט׳ וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען״.

אוּן זִיכֶער וֵוייסְטוּ אוּן דוּ פַאַרְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ בִּין דִיר מְרַמֵּז – וַוייל דֶעם עִנְיָן פוּן דֶעם ׳פַּאלַאץ פוּן אֱמֶת׳, אִיז אַבִּיסְל עֶרְקְלֶערְט אִין סוֹף ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֵוייסְטוּ גָארְנִישְׁט. (זֶעה נָאךְ אִין לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת־הַשַּׁחַר ג, יא)]

[חַיֵּי־מוֹהֲרַ״ן סו (צוּם שִׂיחָה פוּן דִי ׳צְוֵויי סָארְט פַּאלַאצְן׳, אִין סוֹף ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳): וֶוען מֶען דִינְט הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, אוּן מְ׳אִיז נָאךְ אַלְץ אִין דִי בְּחִינָה פוּן ׳עֶבֶד׳ (זֶעה לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן ח״ב תּוֹרָה ה) – אִיז מֶען נָאךְ אַלְץ אִין דִי בְּחִינָה פוּן ׳אָרוּר׳ חַס־וְשָׁלוֹם.

אוּן סְ׳אִיז אוֹיךְ פַארְהַאן בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, אַ בְּחִינָה פוּן ׳עֶבֶד׳, דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן (דְּבָרִים לד, ה; יְהוֹשֻׁעַ א, א): ״מֹשֶׁה עֶבֶד ה׳״.

אוּן זָאלְסְט ווִיסְן: אַז סְ׳אִיז פַארְהַאן אַ מִצְוָה, וָואס דוּרְךְ אִיר גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי בְּחִינָה פוּן ׳עֶבֶד׳ – דָאס אִיז דִי ׳מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן־שְׁבוּיִים׳.




המשך פון די לעצטע זייט

לויט די מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דֶערְצֵיילְט קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן זַיין גֶעווָארְנְט צוּ הִיטְן דִי אוֹיגֶעלֶער. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ נִסָּיוֹן, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף אַן אָרְט וָואס אִיז נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן אוּן רֵיין, דַארְף עֶר זוּכְן אוּן פְּרִיוון אַלֶע סָארְט מִיטְלֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ פַארְמַאכְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זִיךְ רַאטֶעווֶען פוּן אַ נִישְׁט רֵיינֶע בְּלִיק, אַ רְאִיָּה וָואס אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ווִילְן מִיר זָאלְן זִיךְ דֶערְפוּן הִיטְן.

מִיר וֶועלְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם מִשְׁתַּדֵּל זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ גֵיין אוֹיף עֶרְטֶער וואו עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ מִכְשׁוֹלוֹת, אוּן פַארְמַאכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן פוּן צוּ זֶען שְׁלֶעכְטְס.

(ע״פ כוכבי אור סיפורים נפלאים).

נאמ: ____________



# לאמיר זיך פארהערן



## דִי שִׂיחוֹת פוּן נָאךְ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (4)

**א. ווער וואוינט אין די צוויי פאלאצן?**
- ❑ איןביידע וואוינען קענעכט
- ❑ אין ביידע וואוינען קעניגן
- ❑ אין איינע וואוינט א קעניג און איינע א קנעכט

**ב. איז דא א חילוק צווישן די צוויי פאלאצן?**
- ❑ זיי זענען אויס די זעלבע
- ❑ באמת איז דא גרויסע חילוק צווישן זיי ביידע
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. דורך וועלכע מצווה זאגט אונז דא דער רבי, איז מען זוכה צו וויסן די חילוק צווישן זיי?**
- ❑ ציצית
- ❑ תפילין
- ❑ פדיון שבויים

**ד.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אוואו נאך דערציילט דער רבי אין ספורי מעשיות וועגן א"קנעכט" ?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וויפיל מאל ווערט דערציילט אין סיפורי מעשיות וועגן א "פערד" ? **9 מאל** ווער ווייסט וואו?

**אין די ערשטע מעשה** און האט גיבעטן אז מען זאל אים געבן איין משרת מיט איין פערד
**אין די דריטע מעשה** זיי האבן ביי אים גיראביוועט דאס קעסטיל און די פערד
**אין די אכטע מעשה** זיי זענען גיפארין זענען זיי גיקומען צו איין קליין בריקיל. איז אראפ גיפאלין א פערד
**אין די ניינטע מעשה** דער חכם - האט ער דערזעהן א גרויסע בריקע מיט פיר פערד
**אין די ניינטע מעשה** דער חכם מיט זיין חבר - האבן זיי אנגיהויבין צו פארקויפין איין פערד. און דערנאך ...
**אין די עלעווטע מעשה** דער סוחר האט גירידן אויף איין פערד
**אין די עלעווטע מעשה** דער בן השפחה - איך בין אהער גיקומען דורך דעם פערד
**אין די עלעווטע מעשה** דערווייל איז אהין אנגיקומען נאך איין מענש. וואס ער האט גירידן אויף א פערד
**אין די צוועלווטע מעשה** זייערע פערד זענען צו גידעקט מיט אזוי א גרויס עשירות

דער געווינער פון די וואך איז הילד החשוב יענקי סולדש, בית שמש
די מתנה קען מען נעמען בעז"ה ביים משגיח אין ת"ת ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## דֶער הֵייליגער בְּלִינְדֶער

"דָאס הֶערְט זִיךְ וִוי אַ מוּזִיק קְלַאנְג פוּן ר' טוֹבִיָה", רוּפְט אוֹיס מִיט פְרֵייד ר' יוֹסֵף צוּ זַיין גוּטְן פְרַיינְד ר' פִּנְחָס. "דִי הַארְצִיגֶע זִיסֶע מֶעלָאדִיס, זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶלֶע מוּזִיק קְלַאנְגֶען וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע מוּזִיקַאנְטְן. לָאמִיר כַאפְּן אַ בְּלִיק, דָא בַּיי דִי חֲתוּנָה גֶעפִינֶען זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, זֵיי זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן טַאנְצְנְדִיג, שַׁיינֶען אוּן זִינְגֶען"...

"וואוּ, ר' פִּנְחָס! הֶער, דָאס אִיז טוֹבִיָה! יָא, דָאס אִיז עֶר, טוֹבִיָה דֶער מְנַגֵן כָּשֵׁר!!! טוֹבִיָה דֶער בְּלִינְדֶער מוּזִיקַאנְט וָואס אִיךְ דֶערְצֵייל אִיבֶּער אִים, אִיז אֵיינֶער פוּן דִי גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע מוּזִיקַאנְטְן דָא אִין דָארְף, מֶענְטְשְׁן גְלֵייכְן אִים זֵייעֶר, עֶר קוּמְט צוּ חֲתוּנוֹת שְׁפִּילְן אוּן דֶערְפְרֵייעֶן, עֶר זֶעט נִישְׁט קֵיינֶעם פַאר זַיינֶע אוֹיגְן... עֶר אִיז פַארְטִיפְט אִין זַיין נְגִינָה, יֶעצְט אִיז עֶר עוֹסֵק אִין מִצְוַת חָתָן וְכַלָּה זֵיי צוּ מְשַׂמֵחַ זַיין. גְלַייךְ נָאךְ דֶער חֲתוּנָה אַיילְט עֶר זִיךְ אַהֵיים, עֶר אִיז אַ גְלַייכֶער בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ".

"וַוייל עֶר אִיז אַ בְּלִינְדֶער זֶענֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן מְרַחֵם אוֹיף אִים מֶען בַּאשְׁטֶעלְט אִים צוּ שְׁפִּילְן עֶר זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּבּ. גֶעבּ נָאר אַ קוּק, אַרוּם אִים שְׁטֵייעֶן קִינְדֶער אוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, זֵיי קוּקְן אוֹיף אִים מִיט רַחֲמָנוּת..."

ר' פִּנְחָס הֶערְט זִיךְ אַיין צוּ דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁמוּעֶס וִוי זֵיי וואוּנְדֶערְן זִיךְ: "וִוי אַזוֹי קֶען עֶר אַזוֹי שַׁיין שְׁפִּילְן? עֶר אִיז דָאךְ בְּלִינְד אוּן זֶעט גָארְנִישְׁט? וָואס, עֶר דְרוּקְט אוֹיף דִי קְנֶעפְּלֶעךְ אָן צוּ זֶען??? אֵיין מִינוּט, וִוי אַזוֹי גֵייט אַהֵיים אַלֵיין? אוּן וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט – אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבּוֹירְן אָן צוּ קֶענֶען זֶען, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶר הָאט אוֹיגְן? אִיז פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט זֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגְן, וָואס, סְ'אַרְבֶּעט נִישְׁט?!"...



גֶעוֶוען אִיז אַ טָאג, ר' טוֹבִיָה לִיגְט אוֹיף זַיין בֶּעט, עֶס אִיז זַיינֶע לֶעצְטֶע מִינוּטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאכְן דַאוֶוענֶען, זָאגְן וִידוּי אוּן לֶעצְטֶע גְרֵייטוּנְגֶען אַרִיבֶּערְצוּגֵיין צוּם דִי אַנְדֶערֶע וֶועלְט, פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְן אַלֶע אַרוּמִיגֶע דֶערְשְׁרָאקְן בִּיז גָאר, זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט וָואס זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרְן הֶערְן.

טוֹבִיָה דֶער בְּלִינְדֶער עֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן זָאגְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל וֶוערְטֶער וָואס פִירְן אַרִיבֶּער אַ סְקְרוּךְ אִין דִי בֵּיינֶער פוּן אַלֶע וָואס הֶערְן אִיר. אוּן זָאגְט דִי פָאלְגְנְדֶע:

"בָּרוּךְ ה' אַז אַלֶע מַיינֶע לֶעבְּנְס טֶעג בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בְּלִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גוּטֶע גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן; נָאר וִויבַּאלְד אִיךְ שְׁפִּיל אוֹיף חֲתוּנוֹת, עֶס קֶען זִיךְ דָארְט מַאכְן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען דֶערִיבֶּער דַארְף אִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן, הָאבּ אִיךְ דֶערְפַאר אִינְגַאנְצְן פַארְמַאכְט מַיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעעֶפְנְט בִּיז אִיצְטֶער, כְּדֵי נִישְׁט אַדוּרְכְצוּפַאלְן מִיט זֶען עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט".

המשך אויף זייט 10